# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
רבי **אביגדור מיללער** זצ"ל

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' בהעלותך
תשפ"ג לפ"ק
גליון קע"א



## פראגע

**אויב דער אויבערשטער שיקט ח"ו א מחלה אויף א מענטש פאר זיינע עבירות, פארוואס ערלויבט ער צו נעמען אן אספירין אוועקצונעמען די ווייטאג?**

## ענטפער:

ווייל דער אויבערשטער האט אויך באפוילן די אספירין צו טון דעם זשאב; דאס איז דער רצון השם אז אן אספירין זאל אוועקנעמען ווייטאג. פונקט ווי ער ברענגט מחלות אויף א מענטש אים צו ברענגען צו תשובה, ברענגט ער אויך א מעדיצין אדער א דאקטאר אים צו העלפן, דאס **אלעס** איז א חלק פונעם אויבערשטנ'ס פלאן.

יעצט פארוואס זאל ער וועלן אז א מענטש זאל האבן די מעגליכקייטן זיך אליינס צו היילן? דאס איז **א חלק פון א גרויסארטיגן פלאן**.

פארוואס וויל דער אויבערשטער אז מיר זאלן דארפן אקערן, פלאנצן, שניידן, מאלן און באקן ביז מיר האבן ברויט? פארוואס זאלן מיר נישט דארפן בלויז ארויסגיין אויפ'ן פעלד און טרעפן א פארטיגע שטיק ברויט אויפ'ן פעלד? דער חובת הלבבות ענטפערט אז דער אויבערשטער האט געמאכט דאס לעבן קאמפליצירט און פארוויקלט, צו האבן **מער געלעגנהייטן אונז אויסצופראבירן**.

ווי מער קאמפליצירט דאס לעבן איז, אלס מער נסיונות טרעפן מיר אן דורכאויס'ן לעבן, און יעדע איינס איז **א געלעגנהייט עומד צו זיין בנסיון** מיט הצלחה. דערפאר, דאקטורים זענען א נסיון, ווייל אויב מענטשן לייגן אן זייער צוטרוי אין דאקטורים, מאכן זיי זייער א גרויסן טעות.

עס זענען דא ביכער וואס באשרייבן אז עס זענען דא טויזנטער דאקטורים וואס וועלן טוען זאכן וואס זענען סכנות'דיג צו זייערע פאציענטן. עס זענען דא טויזנטער דאקטורים וואס זענען נישט אינטערעסירט אין דעם וואוילזיין פון זייערע פאציענטן, ס'איז א פאקט. עס זענען דא טויזנטער כירורגן וואס זענען גרייט צו אפערירן אפילו עס איז נישט וויכטיג, וועון עס פעלט בכלל נישט אויס.

פון דעסט וועגן, די תורה זאגט "ורפא ירפא" – דו ביזט זיך מחויב צו היילן, וואס מיינט אז ס'איז דער רצון ד' אז דו זאלסט גיין צו א דאקטאר. פונקט ווי ווען דו ווילסט פארריכטן דיין עיר-קאנדישאן טוסטו עס נישט אליינס, דו רופסט עמיצען וואס ווייסט וויאזוי עס צו טון. די זעלבע איז דער רצון השם אז דו זאלסט רופן א דאקטאר, אדער גיין צו איינעם. אבער אויב דו מאכסט א **טעות** און דו **פארלאזט** זיך אויפ'ן דאקטאר, דו מאכסט דעם טעות פון פארגעסן אז הקדוש ברוך הוא איז דער וואס היילט, ביזטו דורכגעפאלן אין דעם נסיון.

אסאך מאל זענען אויך אנדערע נסיונות פארמישט מיט דאקטורים. פילמאל גייען מענטשן צו דאקטורים און פאר די קלענסטע זאכן זענען זיי גרייט צו מחלל שבת זיין אדער עסן טריפות. און פונקט ווי מיט דאקטורים איז עס מיט מעכאניקער פאר עיר-קאנדישאנס, אלעס איז א נסיון: צי האסטו בטחון אינעם אויבערשטן, אדער דו ליפערסט דיין בטחון צו מענטשן?!

אלזא, דער אויבערשטער וויל מיר זאלן פארשטיין אז ווען סיי-וועלכע זאך געשעט, דארפן מיר זיך פרעגן "פארוואס איז דאס געשען צו אונז?" און מיר דארפן תשובה טון. אבער דאן, דארפן מיר אויך טון די זאכן וואס פעלן זיך אויס לויט **אונזער** פארשטאנד זיך אליינס צו העלפן, אבער נאך אלץ וויסן אין די זעלבע צייט אז ס'איז נאר דעם אויבערשטנ'ס ענטפער צו אונזערע תפילות ווען דער דאקטאר איז מצליח אונז אויסצוהיילן.

פראגע

## עס שטייט אין הלל "לא אמות כי אחיה ואספר מעשה י-ה" - קענט איר ערקלערן דעם באדייט?

**ענטפער:**

דוד זאגט דא זיין תפלה, פארוואס דער אויבערשטער זאל אים ראטעווען פון זיינע שונאים, און פארוואס ער איז ראוי צו בלייבן לעבן. און ער זאגט "לאז מיר לעבן, ווייל איך שטרעב צו דערציילן דעם כבוד פון השי"ת, איך וויל רעדן וועגן זיינע ווערק." דאס איז די סאמע **בעסטע טענה** וואס א מענטש קען געבן כדי צו בלייבן לעבן. דו דארפסט פארקויפן פאר'ן אויבערשטן דיין פארשלאג.

וואס איז דיין הצעה? דער מענטש זאגט, "משאול מי יודה לך?" – ווער וועט דיר לויבן אין קבר? איינמאל און נאכאמאל טרעפן מיר די סארט תפלה. "לא המתים יהללו-יה" – די טויטע וועלן דיר נישט לויבן.

אויב א מענטש וויל בלייבן געזונט און לעבן לאנג, זאל ער זאגן צו הקב"ה די טענה. זאג, "באשעפער, לאמיך לעבן און איך גיי נוצן מיין כח הדיבור צו רעדן וועגן דיר. איך וועל **כסדר** רעדן וועגן דיר." "ואנחנו נברך י-ה מעתה ועד עולם." רעד וועגן השי"ת און דאס וועט זיין דיין בעסטע לייף-אינשורענס.

דאס מיינט דער פסוק **"לא אמות"** – איך זאל נישט שטארבן, **"כי אחיה"** – לאז מיר לעבן, **"ואספר מעשי י-ה"** – איך זאג צו אז איך וועל דערציילן די חסדים פונעם אויבערשטן.

פראגע

## וואס איז א גרעסערע מצוה, צו זאגן דעם גאנצן סדר התפלה יעדן אינדערפרי, אדער צו זאגן נאר א חלק מיט מער כונה?

**ענטפער:**

איך גיי אייך נישט זאגן מיין אייגענע מיינונג, איך וועל נאר זאגן וואס דער טור זאגט: "טוב מעט בכונה מהרבה שלא בכונה." צו זאגן אביסל און פארשטיין וואס מען זאגט, איז פיל מער ווערדפול. ס'איז זייער וויכטיג אויסצונוצן דעם געלעגנהייט פון תפלה. דער חובת הלבבות זאגט אז די מטרה פון תפלה איז "המחשבה נמשכת אחר הדיבור" – די מחשבה ווערט נאכגעצויגן די ווערטער. איינמאל מען געוואוינט זיך צו "בשירי דוד עבדיך", צו זאגן די געזאנגען פון דוד עבד ד', און די געוואלדיגע געפילן פון אהבת ה', ערוועקט עס אינעם מענטש א רעאקציע. מיר באקומען אויך דעם געפיל.

יעצט, איר קענט נישט זאגן דעם גאנצן שמונה עשרה בעיון, ווייל ווען עס וועט קומען די צייט פון מנחה וועט איר נאך אלץ שטיין שמונה עשרה. אויב וועט איר אבער נעמען א קליין חלק פון שמו"ע און זיך קאנצענטרירן דערויף, אריינטראכטן אין די ווערטער, וועט איר זיין איבעררראשט וואס איר וועט אנטדעקן. עס איז ווי א גאלדן גרוב. מענטשן כאפן נישט. די אנשי כנסת הגדולה, וועלכע האבן מחבר געווען די שמונה עשרה זענען געווען נביאים און די גרעסטע חכמים, און זיי זענען געווען ביכולת צו קאנצענטרירן גאר טיפע חכמה אין די קורצע ווערטער. ווי מער מען טראכט אריין זעט מען ווי טיפזיניג די ווערטער זענען.

נאך אלעם איז די ציל פון דאווענען מיט כונה נישט בלויז צו זאגן די ווערטער. **להתפלל** מיינט, **זיך צו מאכן טראכטן**. פילל מיינט צו טראכטן. להתפלל – זיך צו מאכן טראכטן, און דאס איז די הצלחה וואס א מענטש עררייכט פון ריכטיגע תפלה, עס דערהייבט זיין מח און ברענגט אים צו אהבת ה'.

פראגע

## וואס מיינט דעת תורה?

**ענטפער:**

עס שטייט אז א מענטש וואס גייט אין די וועגן פון די תורה, ער טראכט ע"פ תורה, נאך א ווײלע "נעשה כמעיין המתגבר" – ער ווערט ווי א קוואל וואס גיבט ארויס זיין אייגענע וואסער.

יעצט לייגט צו קאפ!

געוויסע מענטשן זענען ווי א בור סיד, ווי א צעמענטענע גרוב. ווען עס רעגנט אריין אין א גרוב, ווערט די גרוב פול

המלמד תורה לעמו ישראל!

בסייעתא דשמיא גרייטן מיר זיך בקרוב צו גיין צום דרוק אויפ'ן רייכן

ספר רבי אביגדור ענטפערט - חלק ב'

כדי צו ערמעגליכן די מאסיווע הפצת התורה והשקפה טהורה צווישן כלל ישראל האבן מיר אצינד עטליכע

עטליכע זעלטענע זכותים נדירים לזכות את הרבים

אויב ווילט איר האבן א חלק אין אזא הייליגן פראיעקט, אדער איר ווייסט פון עמיצען וואס וואלט געווען אינטערעסירט אין א זכות פטרון הספר, ביטע פארבינדט זיך מיט אונז, דורכ'ן רעפלייען צו דעם אימעיל.

אדער רופן 845-200-1675

מיט גוטע פרישע רעגן-וואסער. אבער עס איז נאך דא אזויפיל וואסער וויפיל ס'האט אריינגערעגנט. ווען עס ווערט איפגענוצט, בלייבט גארנישט. אסאך מענטשן ווייסן בלויז וואס זיי לערנען, אבער ווען א גדול לערנט און פראקטיצירט עס, און ער ווערט פארוואנדלט אין אן אנדערע סארט פערזענליכקייט, איז ער נישט נאר א גרוב, ער ווערט ווי א קוואל וואס שפרודלט, און וואסער קומט ארויס פון די ערד פון זיך אליינס, א מעיין המתגבר.

ווען א מענטש ווערט א מעיין המתגבר, דאן אלעס וואס ער זאגט איז תורה, אפילו עס שטייט נישט אין דער תורה. "שמעון בנו אומר, כל ימי גדלתי בין החכמים ולא **מצאתי** לגוף טוב משתיקה" (אבות, א, יז). איך האב נישט געטראפן גארנישט בעסער פאר'ן קערפער ווי שווייגן. עס איז א גוטע עצה, בדרך אגב, די בעסטע עצה איז זיך צו האלטן שטיל, עס איז גוט פאר די געזונט. יעצט וואו שטייט עס? ער האט געזאגט "לא מצאתי", **איך** האב נישט געטראפן. פארוואס האט ער נישט ציטירט א פסוק? מ'דארף נישט קיין פסוק! "למה לי קרא, סברא הוא." מ'דארף נישט קיין פסוק, ס'איז א סברא. איינמאל מען באקומט א דעת תורה, איז די מח ריכטיג אויסגעארבעט אז סיי-וואס מען טראכט איז געווארן תורה.

ווען דעם דארפן מיר אויסהערן די חכמים. אויב א חכם תורני, א גדול וואס איז פול מיט תורה זאגט עפעס, איז עס נישט סתם וואס ער האט געלערנט. זאג אים נישט, "וואו שטייט עס? ווייז מיר דעם סימן און סעיף אין שולחן ערוך." ניין, עס איז נישט אין שולחן ערוך, עס איז אין **דעם** שולחן ערוך, זאגט ער. דעת תורה איז עפעס וואס מען דארף אויספאלגן, ווייל זיין מח איז געווארן א קוואל און דער אויבערשטער וויל מען זאל עס אויספאלגן.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1
א וואך
מועדים $3

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com




# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

## מערכת להתענג 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב